בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

פרשת אמור תשפ"ב
ס"ג מאמר ב'

יו"ל פר' אמור תשפ"ג



## נתנדב לזכר נשמת
## רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**


### "גחלי אש"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

### "בם חייתני"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8



© כל הזכויות שמורות


יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

**דער שפת אמת** (תרס"ג) ברענגט דער פסוק וואס שטייט אין פרשה (כב, לב) 'ולא תחללו את שם קדשי ונקדשתי בתוך בני ישראל אני ה' מְקַדִּשְׁכֶם', און ער געבט דאס צו פארשטיין, אז אפילו אז ס'שטייט אין די גמרא (יומא פו.) 'היכי דמי חילול השם', אין וואס פארא אופן איז דא דעם לאו פון 'ולא תחללו את שם קדשי', און אזוי אויך דער מצוה פון 'ונקדשתי' קען מען מקיים זיין נאר אויף פארשידענע אופנים, צום ביישפיל ווען ס'קומט איהם אויס זיך מוסר נפש זיין אויף די ג' עבירות החמורות, אדער אויף א אופן וואס מען וויל איהם מעביר זיין אויף איינער פון די דינים פון די תורה בפרהסיא, אזוי וויא אלע פרטי הדינים וואס ווערן געברענגט אין די הלכות, אבער אין אמת'ן אריין איז 'ולא תחללו' און 'ונקדשתי' א מצוה וואס מען קען איהר מקיים זיין מידי יום ביומו, מיט די עצם התנהגות פון יעדער יוד, דער עצם מציאות פון א יוד וואס פירט זיך אויף אזוי וויא דער רצון פונעם אייבערשטען אויף די וועלט - זאגט דאס עדות אויף קדושת שמו ית"ש, אזוי וויא דער **שפת אמת** געבט דאס צו פארשטיין (עי' תרמ"ג), אז דער מצוה איז נאך שווערער מקיים צו זיין, ווייל טאקע אין די אויגען פון די מענטשען ווערט ער נישט אנגערופען א 'קדוש' וואס ער האט זוכה געווען זיך מוסר נפש זיין אויף קדושת שמו ית"ש, אבער דאס איז נאך אסאך א גרעסערער ארבעט, א לאנגע לעבען פון קידוש השם און מסירות נפש.

**און** דער **שפת אמת** ברענגט דערויף א מדרש (ויק"ר כז, ה) וואס הייבט אן מיט דעם פסוק אין קהלת (ג, טו) 'והאלקים יבקש את נרדף', רב הונא בשם רבי יוסף אמר לעולם והאלקים יבקש את נרדף וכו', אפילו צדיק רודף רשע והאלקים יבקש את נרדף, און דער מדרש ברענגט פארשידענע ביישפילען וואס מ'זעהט אז דער אייבערשטער האט אויסגעקליבען די נרדפים, און ער מאנט די בלוט פון די נרדפין, פון די רודפין, און דער מדרש ענדיגט צו 'ישראל נרדפין מפני האומות ובחר

הקב"ה בישראל שנאמר (ראה יד, ב) 'ובך בחר ה' להיות לו לעם סגולה', רבי אליעזר בר רבי יוסי בן זמרא אמר אף בקרבנות כך, אמר הקב"ה שור נרדף מפני ארי, עז נרדף מפני נמר, כבש מפני זאב, לא תקריבו לפני מן הרודפים אלא מן הנרדפין, הה"ד (כג, כז) שור או כשב או עז כי יולד [וגו' ירצה לקרבן אשה לה']'.

**פרעגט** דער שפת אמת '**הגם כי כך הוא בטבע הארי להיות רודף השור**', עס איז ריכטיג אז די אומות העולם ווערען גערעכנט אלץ רודפים פון די יודען - טראצדעם וואס ס'איז נגזר געווארען אויף זיי גלות מצרים און די אנדערע שעבודים, פונדעסטוועגען זענען זיי געשטראפט געווארען ווייל זיי מאכען שווערער מיט די גאנצע רשעות זייערע און לייגען צו נאך, אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (זכריה א, טו) 'וקצף גדול אני קצף על הגוים השאננים אשר אני קצפתי מעט והמה עזרו לרעה', ומגלגלין חובה על ידי חייב, און אט איז דאך יעדער מענטש א בעל בחירה - און האט דער מעגליכקייט זיך מתגבר זיין אויף זיין יצר און זיך צוריק האלטען פון נאכלויפען די יודען, און דעריבער טוהט דער אייבערשטער זיי דעווייטערען און ער קלויבט אויס אין די יודען וואס זענען נרדפין. אבער דאס וואס ס'שטייט אין מדרש אז דער טעם פארוואס דער אייבערשטער האט אויסגעקליבען צו נעמען א שור, כשב און א עז צוליב דעם וואס זיי זענען נרדפים, דארף מען צו פארשטיין, ווייל אזוי איז דאך די נאטור פון דער לייב נאכצולויפען דעם אקס, אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (תהלים קד, כא) 'הכפירים שואגים לטרף ולבקש מקֵל אכלם', אזוי איז דער סדר פון דער וועלט, און דער רצון פונעם אייבערשטען איז אז דער לייב דער לאמפערט און די וואלף פארציקען אנדערע בהמות מיט חיות, ווייל דאס איז די שפייז וואס דער אייבערשטער גרייט זיי צו, און דער אקס מיט דער שעפסיל מיט די ציג עסען די גראז פון די פעלד, און ס'איז נישט דא אינדעם קיין שום פעלער וואס צוליב דעם זאל מען זיי נישט נעמען פאר א קרבן פאר'ן אייבערשטען [און ס'שטייט טאקע אין פסוק (נח ט, ה) 'ואך את דמכם לנפשותיכם אדרוש מיד כל חיה אדרשנו', און די ראשונים שרייבען (עי' רש"י ואבן

עזרא, ועי' רמב"ן ובעלי התוס') אז הוא דין איז אויף אלע חיות און בהמות [און מ'שטייט שוין דערין וואס איז שייך ביי זיי דין ועונש, זיי זענען דאך נישט קיין בעלי בחירה (ועי' פרדס יוסף פר' נח שם, ותורה שלמה פר' משפטים מלואים סי' יד)], אבער לכאורה אינו ענין לכאן, ווייל דארט רעדט מען פון הרגנ'ן א מענטש. און אויף לעתיד לבא שטייט (ישעיה יא, ז; סה, כה) 'אריה כבקר יאכל תבן', און די מפרשים קריגען זיך (עי' רד"ק מצודות ומלבי"ם) וואס מיינט דער נבואה, צו ס'וועט זיך טאקע ענדערען די נאטור פון דער לייב און זיין שפייז וועט זיין שטרוי מיט גראז, אדער מ'מיינט נאר אז ער וועט נישט מער פארציקען אנדערע, און ער וועט נער עסען א נבילה וואס איז געשטארבען פון זיך אליינט. אבער בעיקרן של דברים - דאס וואס ס'איז אנטפלעקט אין דער וועלט איז לכאורה נישט דא קיין טענה אויף זיי, כי כך נבראו, א שטייגער דאס וואס חז"ל זאגען (תענית כ:) לך לאומן שעשאני].

**געבט** דער שפת אמת צו פארשטיין **'כי הענין הוא, כי עולם הזה הטבע מסתיר הפנימיות'**, דער וועלט איז א צודעק וואס דעקט צו די בריאה פונעם אייבערשטען, ווייל ס'איז נישט פארהאן קיין שום מציאות אנדעם רבונו של עולם, נאר די טבע און עולם הזה פארשטעלען דאס, ווייל מיר שטעלען זיך פאר אז מיר זעהן מיט אונזערע אויגען די בריאה, אבער אין אמת'ן אריין די גשמיות'דיגע וועלט פארדעקט די פנימיות וואס איז אלעס מחיה, און ס'איז נישט אנטפלעקט לעין כל אז מלא כל הארץ כבודו. **'וכל הדבוק יותר בטבע יש לו כח חזק בהטבע'**, וואס מער וואס דער מענטש איז אוועק געשטעלט און גוט געבויט אין די וועלט, איז מער פארהוילען פון איהם די פנימיות, און ער איז דבוק אינעם ליגענט און אינעם פאלטשקייט פונעם וועלט. און גאר פארקערט, וואס ווייניגער דער מענטש איז פעסט אוועקגעשטעלט אינעם וועלט, און זיין ארט דא אויף די וועלט איז ענג, און ס'איז איהם שמאהל דא אויף דער וועלט, און ער שפירט זיך אז ער איז א נרדף דא אויף די וועלט, האט ער מער שייכות צו די פנימיות.

**און** דעריבער די יודען וואס זענען נרדפים פון די אומות העולם, איז דאס א צייכען און א סימן אז זייער ארט איז נישט דא אינעם גשמיות פון די וועלט

[און אזוי וויא דער מהר"ל (נצח ישראל פרק טו) געבט צו פארשטיין דאס וואס ס'שטייט אין מדרש אז די ארט פון כלל ישראל איז נישט אין עולם הזה, עי"ש]. מיר בעטען טאקע און מיר דאווענען אויף לאנגע יארען, און אזוי איז אויך דער רצון פונעם אייבערשטען, אזוי וויא חז"ל זאגען אין משנה (אבות פ"ד מכ"ב) 'על כרחך אתה חי', אבער כלל ישראל אלץ אלגעמיינע פאלק, איז איהר ארט נישט דא אויף די וועלט. און אויך דאס וואס שטייט אין חז"ל (הוריות י:) מי סני להו לצדיקים שאוכלים שני עולמות, מיינט מען נישט אין א זין פון א גשמיות'דיגע אכילה פונעם עולם הזה, נאר מען מיינט אן העכערן זין פון א אכילה.

**קומט** אויס אז דאס וואס די אידישע קינדער זענען 'נרדפים', ווייזט אז זיי האבען נישט קיין שייכות צום ליגענט און פאלטשען צודעק פונעם עולם הזה, נאר צו די פנימיות וואס איז פארשטעלט און באהאלטען [און לויט די רייד פונעם שפת אמת דארף מען פארשטיין וואס ס'שטייט דארט אין מדרש 'אפילו צדיק רודף רשע' [און מ'דארף אריין קלערען דעריין, וויא אזוי רופט מען איהם נאך אן מיט'ן טיטעל צדיק, אויב ער לויפט נאך דעם רשע אלץ א אייגענעם פארגעניגען און נישט אלץ די שלעכטע מעשים זיינע, אזוי וויא די מפרשים דארט מערקען דאס שוין אן, וצ"ת, ואכמ"ל], לכאורה וואס איז שייך צו זאגען אז דער רשע האט נישט קיין שייכות צו די גשמיות'דיגע עולם הזה. וועט מען מוזען זאגען אז ס'מיינט אז אין יענעם רגע וואס ער איז א נרדף, האקט ער זיך טאקע אפ פון די גשמיות פון די וועלט, נאר די רשע האט נישט קיין שכל צו אנערקענען און געדענקען דעם קרבת אלקים, און אויסנוצען דעם מינוט פון דעם וואס ער איז א 'נרדף' און זיך דערהייבען דערמיט].

**און** דאס איז די כוונה פונעם מדרש, אז אזוי ווי דער לייב מיט'ן לאמפערט און דער וואלף האבען א כח צו פארציקען, זענען זיי דערמיט מער צוגעבינדען צום טבע און צו די וועלט, און ס'איז ביי זיי מער פארשטעלט די כח פונעם אייבערשטען, '**והשור ושה שהם נרדפין, מפני שיש בהם יותר פנימיות, לכן הטבע מתנגד עליהם**'. און דאס איז נישט קיין שטראף וואס מ'איז נישט מקריב קיין קרבנות פון די רודפין, און ס'איז נישט קיין שכר דאס וואס מען איז יא מקריב

פון די נרדפין, נאר דער זינען דעריין איז, אז די רודפין וואס זיי זענען בעלי כח און זיי זענען מער צוגעבינדען צום טבע, ביי זיי איז מער פארדעקט די פנימיות, און ווידער ביי די נרדפין, ביי זיי איז מער אנטפלעקט דעם כח פונעם אייבערשטען, ווייל זיי האבען וויניגער שטארקייט און כוחניות פונעם עולם הזה וואס פארשטעלט די פנימיות, און דעריבער ווען מען קומט מקריב זיין א קרבן, איהר אויפהייבען צום קדושה, זענען מיר מקריב אזעלעכע בהמות וואס זענען מער נאנט צום צד הקדושה.

**איז** דער שפת אמת ממשיך און שרייבט **'מכל שכן בנפשות בני ישראל שהם בני עולם הבא, עולם הזה מתנגד להם ביותר'**, ווייל די נפשות פון די אידישע קינדער וואס זיי זענען בני עולם הבא, איז געוויס אוודאי אז די עצם מציאות פונעם עולם הזה איז זיך זייער מתנגד צו זיי, ווייל זיי האבען נישט קיין אמת'ע שייכות צום עולם הזה, ווייל זיי זענען בני עולם הבא.

**ענדיגט** דארט צו דער שפת אמת - און דאס איז דער עיקר און דער 'ובכן' וואס מיר דארפען זיך אפלערנען דערפון [און אזוי איז אויך די מטרה אין גאנץ ספר קהלת וואס שטייט דארט 'והאלקים יבקש את נרדף'] **'וכמו כן בפרט כל איש ישראל, כעין שאמרו** (סוכה נב.) **הגדול מחבירו יצרו גדול ממנו, ולכן אל יפול לב אדם עליו במה שהיצר הרע רודף אותו תמיד, כי הוא אות על חלק הקדושה שיש בו'.**

**אבער** מיר דארפען אריין קלערען דעריין, ווייל לכאורה רעדט דא דער שפת אמת אויף אזיין סארט 'רדיפה' וואס לכאורה זעהט דאס א אויס צו זיין אן אנדערען סארט פון רדיפה. ווייל דער לייב וואס לויפט נאך דעם אקס, און דער לאמפערט וואס לויפט נאך דעם ציגעלע, איז ווייל די אקס מיט די ציגעלע זענען מער איידעל און זיי האבען אין זיך מער פנימיות, און דעריבער איז די טבע מתנגד צו זיי, און די פארציקער'ס זענען מער צוגעבינדען און איינגעווארצעלט אינעם עולם הזה [און איינער פון די סימני טומאה פון די עופות טמאים איז דער כח הדריסה, און אזוי וויא דער רמב"ן שרייבט (שמיני יא, יג) אז זיי זענען עופות הטמאים וויבאלד זיי זענען אכזריים]. אבער ביי די רדיפת היצר הרע אנטקעגען דער מענטש, איז דאס פארקערט, 'אנא בשרא ואת

נורא' (קדושין פא.) - דער יצר הרע איז א מלאך און מיר זענען בשר ודם, און אלץ דעם ווערט ער אנגערופען מיט'ן נאמען נורא (עי' מהר"ל חא"ג שם).

**און** מ'וואלט געקענט זאגען אז ס'גייט ארויף אויפ'ן התלבשות פונעם יצר הרע אין די וועלט, ד.ה. דער שלעכטע חלק הרע וואס ס'איז דא אין איהם, וואס דאס איז דער חלק וואס חז"ל זאגען דערויף (סוכה נב.) 'לעתיד לבא מביאו הקב"ה ליצר הרע ושוחטו', און ס'ווערט געברענגט אז דאס איז ארויס צו נעמען און מבטל זיין די שלעכטע חלק וואס ס'איז פארהאן - אותיות ס"מ, און ס'בלייבט א מלאך קדוש - אותיות א"ל וואס דאס איז א שם קדוש (עי' של"ה הק' פר' חיי שרה תורה אור פ"ב, ועי' תולדות יעקב יוסף (פר' קדושים ועוד) בשם הבעש"ט זי"ע), און אויפ'ן שלעכטען חלק וואס ס'דא קען מען זאגען אז מיר האבען א עדיפות אויף איהם.

**אבער** פונדעסטוועגען דארף מען פארשטיין אז די 'רדיפה' פונעם יצר איז לכאורה נישט ענדליך צו די 'רדיפה' פון די חיות, ווייל די חיות וואס פארציקען, ווילען עסען די אנדערע בהמות - דעם שור, עז און כשב, אבער די 'רדיפה' פון די פעלקער - אומות העולם איז כדי צו הרגנ'ן די יודען, און הצד השוה שבהם אז די טבע איז זיך מתנגד צו זיי. אבער ביי די רדיפת היצר הרע איז פארקערט, ווייל די יצר הרע פאטרייבט דאך אונז נישט פון די וועלט, נאר זיין גאנצע איינרעדעניש איז אונז גורם צו זיין אז מיר זאלען ווערען איינגעזינקען און ווערען באהאפטען צו די גשמיות, ווערען באהאפטען און איינגעווארצלט אינעם עולם הזה, אזוי וויא ס'שטייט און חז"ל (שבת סג:) 'שמח בחור בילדותך ויטיבך לבך בימי בחורותיך והלך בדרכי לבך ובמראה עיניך' (קהלת יא, ט) - 'עד כאן דברי יצר הרע'.

**נאר** דער שפת אמת מיינט צו די פנימיות פון די רדיפה, די אומות העולם מיט דעם וואס זיי רודפ'ן די יודען, מיינען דאך אז די אידישע קינדער זאלען אפלאזען פון זיך פירען פון זייערע גוטע וועגען, און זיי זאלען זיין אזוי וויא זיי, און וויא מען זאגט ביי די אקדמות 'יְקָרָא וְיָאָה אַתְּ אִין, תַּעַרְבִי לְמַרְוָתָא. רְעוּתֵךְ נַעֲבֵיד לִיךְ, בְּכָל אַתְרְוָתָא', אויב מ'וועט נאר מסכים זיין חלילה צו זיין ווי זיי, וועלען זיי אונז געבען מיר זאלען קענען הנאה

האבען פון אלע מנעמי העולם הזה, און דעאמאלט וועלען זיי אונז שוין מער נישט רודפ'ן. און דאס איז די 'רדיפה' פונעם יצר הרע וואס רעדט איין דער מענטש פארזינקען ווערען אינעם עולם הזה און נישט מלחמה האלטען מיט איהם, נאר ווערען אינטערגעטעניגט אינטער איהם און ווערען נאכגעשלעפט נאך זיינע איינרעדענישען. דאס איז דער עיקר שפיץ און פונקט פונעם גאנצען 'רדיפה', דאס וואס דער מענטש דארף שטיין אין א קאמפף און מלחמה האלטען סיי מיט די אומות און סיי מיט די יצר הרע, און צי בלייבען בקדושה.

**און** אויפדעם האט דער **שפת אמת** געשריבען **'אל יפול לב אדם עליו במה שהיצר הרע רודף אותו תמיד'**, ווייל ס'דא אמאהל ווען א מענטש טראכט אריין וויא האלט זיין צושטאנד אין זיין פריוואטע עבודת ה', האט ער א אמת'ע הארץ פאלעניש, און אזוי וויא ס'האט מיר געפרעגט די וואך א יוד וואס איז פופציג יאר אלט, און ער האט זיך אפגערעדט די הארץ אז ער האט געמיינט אז אין זיינע יארען וועט ער שוין האבען אביסעל מנוחה פון די נסיונות היצר, און ער זעהט אז טראצדעם וואס ער איז שוין בא בימיו, לאזט איהם די יצר הרע נישט אפ, און ער האט א הארץ ווייטאג [און ער וואלט געקענט זיך נוצען מיט די ווערטער וואס שטייען אין חז"ל (יומא לח:) 'כיון שיצאו רוב שנותיו של אדם ולא חטא שוב אינו חוטא'], און ער האט זיך אויסגעדריקט מתוך יאוש 'איך בין שוין מיד געווארען פון מלחמה האלטען מיט מיין פלייש און מיין בלוט', און זיינע הענט זענען שוין געשטרויכלט געווארען פון מלחמה צו האלטען מיט'ן יצר. אבער אויפדעם זאגט דער שפת אמת 'אל יפול לב אדם עליו במה שהיצר הרע רודף אותו תמיד', ווייל טאקע געוויס לויט'ן סדר איז די רתיחת הדמים מער אין די יונגע יארען, אבער אויך דער וואס האט זיך גוט אויפגעפירט און ער האט זוכה געווען דערויף, לאזט איהם דער יצר הרע נישט אפ ביז'ן לעצטען אטעם, און דאס איז א שטענדיגע מלחמה, און שטענדיג האט יעדער איינער און איינער נסיונות, און אויב ס'איז נישט אין די גראבע זאכען - בגסות, איז עס אין די מער איידעלע זאכען - בדקות, אין אנדערע מדות.

**אבער** דער מענטש טאר נישט

ארייננגיין אין קיין יאוש, ווייל אדרבה דער רדיפת היצר איז א '**אות על חלק הקדושה שיש בו**', דאס איז א יסוד און א כלל גדול וואס יעדער איינער און איינער דארף דאס גוט וויסען, ווייל ס'דא מאלען וואס מענטשען זענען זיך מייאש, און זיי זאגען ביי זיך אין הארץ איך האב שוין געהאט אינדעם פארגאנגעהייט נפילות און אזוי אויך וועל אויך האבען נפילות בעתיד, און זיי רעדען זיך אפ אויפדעם וואס דער יצר הרע מיטשעט זיי נאכאמאהל און נאכאמאהל, און זאגען צו דען פעלט איהם מענטשען איבערצורעדען און זיי אוועק שטעלען אין א נסיון?! אבער מיט דעם אליינט וואס ער לויפט דיר שטענדיג נאך, און ער שטעלט דיר אוועק נאכאמאהל און נאכמאהל אין נסיונות, און אויך נאכדעם וואס ער האט דיר אראפ געווארפען, פראבירט ער דיר נאכאמאהל אראפ צו ווארפען און דיר ווידער אמאהל שטרויכלען, איז דאס א צייכען - אות וסימן אויף די קדושה וואס דו פארמאגסט אין זיך, און דער מענטש זאל נישט זיין געפאלען ביי זיך אינדעם מלחמה, ווייל דער סארט מלחמה ווייזט דיר אז דו האסט א נקודה פון קדושה וואס דער יצר הרע וויל אוועק כאפען פון דיר.

**און** ס'שטייט אין **ספרים** אז דער יצר הרע איז צוגעגליכען צו א מענטש וואס שטרעקט אויס זיין האנט פאר א צוויטען און ער ווייזט איהם א שטייגער אז ער האט עפעס אינערווייניג אין זיין האנט, און דער וואס זעהט דאס הייבט איהם אן נאכצולויפען, און דורכדעם לויפען איהם נאך צוויי מענטשען און דערנאך צעהן מענטשען, ביז דער גאנצע שטאט לויפט איהם נאך, ווייל יעדער איינער מיינט און ס'דאכט זיך איהם אז ער האלט עפעס טייער אין זיין האנט, אבער דער אמת איז אז אלע לויפען נאך א ליידיגען האנט. אזוי אויך ווייזט דער יצר הרע דער מענטש א אויסגעשטרעקטע האנט וואס ס'איז ליידיג אינערווייניג, ער נארט אפ און מאכט אז מ'זאל זיך טועה זיין כאילו ס'איז עפעס דא דארטען, ווייל אין אמת'ן ארייין זענען אלע פיתויי היצר פאלטש און נאר א דמיון.

**אבער** דאס אלעס איז געזאגט געווארען ביי אונזערע 'רדיפה' נאכ'ן פיתויי היצר, ווייל דער יצר הרע מאכט נישט קיין טעות, און ער האט טויזענט

אויגען - אלף עינים און ער זעהט גוט, און ער ווייסט די אמת אז אין יעדער צושטאנד וואס ס'זאל נאר זיין איז דא אינעם מענטש א נקודה און א חלק פון קדושה, ווייל דו ביסט א יוד און ס'דא וואס צו זיכען ביי דיר און ס'דא וואס צו נעמען פון דיר. און אויב דער יצר הרע לויפט דיר נאך און ער וויל פון דיר צוכאפען, דארפסט דו אויך זעהן אוועק צו לויפען און היטען אויף דיין חלק הקדושה וואס דו פארמאגסט. און וואס מער דער יצר הרע איז זיך מתגבר און שלאגט זיך מיט דיר, פונדעם אליינט דארף זיך דער מענטש ערוועקען אז אויב ער קומט מלחמה האלטען מיט מיר און אוועק כאפען פון מיר, איז דאך דאס א אות וסימן אז איך האב נאך א חלק און א נקודה פון קדושה, און איך וויל אויך כאפען.

**און** דעריבער אל יפול לב האדם, נישט פון זיינע 'נפילות' און נישט פון זיינע 'כשלונות', און אויך נישט פונדעם אז די 'רדיפה' איז א שטענדיגע זאך, ווייל אין קיין שום צושטאנד וואס ס'זאל נאר זיין טאר דער מענטש נישט זאגען איך בין שוין מיד געווארען פון מלחמה האלטען מיט מיין פלייש און מיין בלוט, ווייל דו ביסט נישט נאר א בשר ודם, נאר דו פארמאגסט אין זיך א 'נפש' און א 'נשמה'.

**און** מיט דעם ענדיגט דער שפת אמת, אז דערנאך וואס דער מענטש וועט פארשטיין און ער וועט וויסען אז דאס וואס דער רדיפת היצר איז א שטענדיגע זאך, איז א אות וסימן אויפ'ן חלק הקדושה וואס ער פארמגט אין זיך, וועט ער קענען מקיים זיין דער מצוה פון 'ולא תחללו את שם קדשי ונקדשתי בתוך בני ישראל', ווייל וויבאלד אז ס'איז פארהאן אין יעדער אידיש קינד קדושה '**לכן המצוה מסור עצמך** וקדש שמי, **להילחם מלחמת ה'** ולברר **כבוד מלכותו בעולם**', ווייל יעדער נסיון איז א געלעגנהייט מקיים צו זיין 'ונקדשתי בתוך בני ישראל', אין דעם מינוט, אין דעם מעמד, מיט דעם כח, יעדער איינער אין זיין צושטאנד, און די נסיונות מאכען זיך דאך יעדען טאג און טאג.

**און** אט איז באוואוסט דאס וואס ס'שטייט אין ספר **מגיד מישרים** אז דער **בית יוסף** האט באשלאסען ביי זיך אין הארץ זיך מוסר נפש זיין אויף קידוש ה', און דער מגיד האט איהם געזאגט

**שיזכה לאתוקדא על קדושת שמו**, ד.ה. אז ער וועט פארברענט ווערען על קדושת שמו ית', און מ'שטעלט זיך שוין אויפדעם אז מיר ווייסען דאך אז דער בית יוסף איז נפטר געווארען כמות כל האדם אויף זיין בעט און מ'האט איהם באגראבען, און ער איז נישט געהרג'ט געווארען על קידוש השם. און ס'איז געזאגט געווארען דערין אסאך ביאורים וויא אזוי איז מקויים געווארען די רייד פונעם מגיד. און על כל פנים יעדער מענטש מיט זיינע נפילות און מיט זיינע כשלונות וואס ער האט געהאט, און מיט זיינע חסרונות וואס ער האט, קען ער מקיים זיין 'ונקדשתי בתוך בני ישראל', ווייל יעדער 'נצחון' און יעדער 'התגברות' וואס ער זיגט און ער שטארקט זיך אויפ'ן יצר הרע, איז ער מפרסם כבוד מלכותו בעולם. און מיט יעדער התגברות וואס דער מענטש איז זיך מתגבר אויף זיין יצר, גייט ארויס א הכרזה אויבן אין הימעל אויפ'ן גרויסען נחת רוח וואס ס'איז פארהאן פונעם התגברות, נאר מיר הערען נישט דעם הכרזה, ווייל אונזערע אויערען און אויגען זענען עולם הזה'דיג, דערפאר כאפט מען נישט, אבער אויב מיר וואלטען געקענט אויפכאפען צו פארשטיין וויפיהל יעדער 'התגברות' און יעדער 'נצחון' איז מקדש שמו ית"ש בעולם, וואלטען מיר זיך נישט אפגערעדט אויפ'ן מלחמה וואס מיר האבען, נאר מיר וואלטען זיך אינטער געגארטעלט מיט א פעסטקייט מקיים צו זיין מסור עצמך וקדש שמי.

**און** אזוי וויא מיר האבען שוין געזאגט אסאך מאהל '**תאיר ארץ מכבודך**', ס'איז נישט קיין גוזמא און נישט קיין משל, יעדער ארט וויא א איד געפינט זיך דארטען, אויך ווען קיינער זעהט איהם נישט, און ער שטייט בייא א נסיון, דער ארט שיינט פון כבוד ה', און נאך מער ווען ס'רעדט זיך ווען קיינער זעהט איהם נישט, וואס דעמאלט איז די התגברות נאך מער חשוב און נאך גרעסער, ווייל ס'איז א ריינע 'יראה' וואס ער האט מורא בלויז פונעם אייבערשטען אליינט, ער האט נישט מורא פון קיין אנדערע מענטשען, ער איז זיך מתגבר און שלאגט זיך מיט'ן יצר הרע בינו לבין קונו, און ס'ליגט אויפ'ן מענטש א אויפגאבע צו געדענקען אז ער האט אין זיין האנט אוצרות, און יעדער נסיון איז א

געלעגנהייט צו זאמלען די אוצרות, און דער יצר הרע וואס ווייסט דעם גרויסען נחת רוח וואס קומט דערפון, שוואכט איהם אפ, און ער ברענגט איהם צו אז ער זאל זיך מייאש זיין פון רוב נסיונות וואס ער האט. אבער דער מענטש דארף געדענקען אז ער האט אין זיך א חלק הקדושה, און ער קען און ער דארף מקיים זיין 'מסור עצמך וקדש שמי', זיך אוועק געבען - מסור את עצמיותך, געב אוועק דיין אייגענשאפט, אוועק געבען די תאוות מיט די רצונות זיינע, אלץ וואס ער וויל.

**און** געוויס טאקע אויך די וואס זענען שוין אין די עלטערע יארען קענען מעלה זיין דעם נחת רוח צום אייבערשטען, און אזוי וויא דער **שפת אמת** טייטשט די משנה (אבות פ"ד מ"כ) 'הלומד ילד למה הוא דומה', אז שטענדיג איז שייך דער בחינה פון 'הלומד ילד' - ווייל '**כל עוד בו נשמתו מיקרי עוד ילד ליום שאחר כך**', און עד זיבולא בתרייתא אויב דער יצר הרע קומט איהם צורעדען אויף א דבר עבירה - איז דאס א סימן אז ער פארדינט עפעס פונדעם וואס ער פראבירט איהם איבער צורעדען, אבער בעיקר די יוגענד אין די ימי הנעורים וואס האבען די נאטירליכ'ן קאך, זיי זענען די אמת'ע 'ילד', א בחור אדער א יונגערמאן וואס האט רתיחת הדם און ער איז מיט אלע זיינע כוחות, אויב ער איז מוותר, ער געבט אוועק פון זיך, איז דאס די ריכטיגע און אמת'ע קרבן.

**נאך** ספירת העומר זאגט מען '**הרחמן הוא יחזיר לנו עבודת בית המקדש למקומה**', תוס' (מגילה כ: ד"ה כל) שטעלט זיך פארוואס זאגען מיר דאס נאר ביי ספירת העומר, עס זענען דא נאך זאכען וואס מיר מאכען זכר למקדש, צובייששפיל 'לולב' וואס מ'האט מתקן געווען דאס צו נעמען זיבען טעג במדינה זכר למקדש, און נאך זאכען, אויב אזוי פארוואס זאגט מען נישט בי זיי 'הרחמן הוא יחזיר לנו עבודת בית המקדש למקומה', זעה דערט וואס זיי ענטפערען. אבער דער אמת איז, אז דער עבודה פון די מ"ט ימי הספירה איז עבודת בית המקדש, מ'הייבט אן מיט'ן קרבן העומר וואס קומט פון 'שעורים' וואס איז א מאכל בהמה, און מ'ציילט ביז שבועות וואס דעמאלט ברענגט מען שתי הלחם פון 'חיטים' וואס איז א מאכל אדם, אלעס איז כדי אויסצולויטערען דעם חלק הבהמי, זיך

מתגבר זיין אויפ'ן עולם הזה וואס איז מתנגד צו די גילוי הקדושה, מקיים זיין '**רוח בני האדם העולה היא למעלה ורוח הבהמה היא למטה לארץ**', יעדען טאג און טאג משתדל זיין צו ארבעטען אויף איין מדה און אויף די ספירה פון יענעם טאג, אוןביישטיין אין די נסיונות, דאס איז די פריוואטע עבודת בית המקדש פון יעדער איינער און איינער. נאר מיר בעטען שיחזיר עבודת בית המקדש 'למקומה', געוויס טאקע בויעט יעדער איינער אין די ימי הספירה זיין פריוואטע בית המקדש, אבער מיר בעטען אז מיר זאלען זוכה זיין צו טוהן די עבודה 'במקומה' - דארט וויא דער בית המקדש דארף זיין געבויעט.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען מיר זאלען איהם באמת קענען צו דינען, און מקיים זיין 'מסור עצמך וקדש שמי' ביים לעבען און מתוך אריכות ימים, צו זיין אמת'ע ארבייטער פאר'ן בעל הבית, און מיר זאלען זוכה זיין צו גוטע זאכען.